קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## משפטים

גליון כ"ו - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**
**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**
**MechonShinova@gmail.com**

## וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם.

**א)** פרשת משפטים שטייט באלד נאכן פסוק: "**וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו**" - מען זאל נישט מאכן קיין טרעפ ארויפצוגיין אויפן מזבח, כדי נישט אויפצודעקן די ערוה. און רש"י זאגט: "**ולמה נסמכה פרשת דינין לפרשת מזבח לומר לך שתשים סנהדרין אצל המקדש**" - דער סמיכות קומט אונז לערנען, אז מען זאל שטעלן די סנהדרין נעבן דעם בית המקדש. אבער לכאורה בלייבט נאכאלץ שווער, פארוואס איז עס נאנט געשטעלט דוקא צו דעם ענין פון 'מזבח' און נישט צו אנדערע כלי המקדש? און דוקא צו דעם פרט פון 'ולא תעלה במעלות על מזבחי'?

**ב)** סוף פרשה שטייט: "**וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע**". און רש"י (כד, א) זאגט דארט: "**פרשה זו נאמרה קודם עשרת הדברות ובד' בסיון נאמרה לו עלה**" - די גאנצע פרשה איז געווען פאר מתן תורה, און עס באלאנגט באמת אין פרשת יתרו. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט עס די תורה געלייגט ערשט דא סוף פרשת משפטים? ריכטיג טאקע אז עס איז 'אין מוקדם ומאוחר בתורה', אבער עס דארף דאך זיין עפעס א סיבה פארוואס מען זאל דאס מאחר זיין?

**ג)** אין מדרש שטייט (פדר"א מ): "**נגלה על בני עשו וכו' אמרו לו ומה כתוב בה, אמר להם לא תרצח, אמרו לו אין אנו יכולין וכו'. חזר ונגלה על בני ישמעאל וכו' אמר להם לא תגנוב, אמרו לו אין אנו יכולין וכו'. ומשם שלח מלאכים לכל אומות העולם אמר להם אתם מקבלים עליכם את התורה אמרו לו ומה כתיב בה, אמר להם לא יהיה לך אלהים אחרים על פני, אמרו לו אנו רואין שאין אנו יכולין**" - דער אייבערשטער איז ארומגעגאנגען צו אלע אומות העולם, אז זיי זאלן מקבל זיין די תורה און קיין איינער האט נישט געוואלט - צוליב די מצוות וואס זענען געווען צו שווער פאר זיי. און נאר כלל ישראל האט געזאגט נעשה ונשמע. לכאורה דארף מען פארשטיין, כלל ישראל האט דאך זיכער אויך געוויסע מצוות וועלכע זענען שווער פאר זיי מקיים צו זיין, נו, וואס איז טאקע געווען זייער חשבון אז זיי האבן גארנישט געטראכט, נאר זיך אונטערגענומען בלינדערהייט?

**ד)** די גמרא אין מסכת שבת (פח.) פארציילט די גאנצע מעשה פון רבא מיט דעם צדוקי וועלכער האט אים געטשעפעט איבער דאס וואס אידן האבן געטון אזא איבערגעאיילטן שריט און געזאגט 'נעשה ונשמע', האט אים רבא געענטפערט: "**אנן דסגינן בשלימותא כתיב בן תֻּמַּת יְשָׁרִים תַּנְחֵם**" - מיר גייען מיט א תמימות, אויף אונז זאגט דער פסוק "דאס תמימות פון גלייכע מענטשן פירט זיי גלייך".

זאגט דארט רש"י: "**דסגינן בשלימותא - התהלכנו עמו בתום לב, כדרך העושים מאהבה וסמכנו עליו שלא יטעננו בדבר שלא נוכל לעמוד בו**" - מיר האבן זיך פארלאזט אויף אים, אז ער וועט אונז נישט אָנלאָדענען מיט עפעס וואס מיר קענען נישט שטיין דערין. לכאורה איז דאך דאס א מסתבר'דיגע זאך, דארף מען דאך פארשטיין וואס האבן די אומות העולם געטראכט? זיי האבן חושד געווען דעם אייבערשטן אז ער וועט זיי הייסן עפעס וואס איז צו שווער צו טון?

**ה)** אין מדרש שטייט (תדא"ר יז): "**כיון שקבלו ישראל עול מלכות שמים בשמחה ואמרו וגו' נעשה ונשמע מיד אמר הקב"ה למשה שיאמר לישראל שיעשו לו משכן**" - ווי נאר אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', האט דער אייבערשטער **באלד** געהייסן בויען א משכן. דער לשון 'מיד', איז משמע אז מען מוז עס שוין **יעצט** טון, ווייל אויב מען וועט אביסלווארטן, וועט שוין זיין צו שפעט. לכאורה איז שווער וואס איז דער פשט?

**ו)** שטייט אין מדרש (תנחומא תשא י): "**שלשה דברים שמע משה מפי הגבורה ונבהל ונרתע לאחוריו, בשעה שאמר לו 'וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם' אמר, רבש"ע 'הִנֵּה הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא יְכַלְכְּלוּךָ**" - ווען משה רבינו האט געהערט פונעם אייבערשטן אז מען זאל אים בויען א בית המקדש, איז ער געווארן דערשראקן, און ער האט געזאגט: "רבונו של עולם, אלע הימלען קענען דאך דיר נישט פאַרנעמען!". "**אמר לו, משה לא כשם שאתה סבור, אלא עשרים קרש בצפון ועשרים בדרום ושמונה במערב וכו', ואצמצם שכינה שלי ואשכון ביניהם**" - האט אים דער אייבערשטער געענטפערט: משה, עס איז נישט אזוי ווי דו מיינסט, נאר לייג צוואנציג ברעטער אויף צפון און אויף דרום זייט, וכו' און איך וועל מצמצם זיין מיין שכינה און רוען דארט. דארף מען פארשטיין: וואס איז געווען משה רבינו'ס

הוה אמינא, וואס וועט דען דער אייבערשטער פארלאנגען? און וואס האט אים דער אייבערשטער געענטפערט אויף דעם?

###### וואס איז דער עיקר חשיבות 'כמות' אדער 'איכות'?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס איז פאראן אין דער וועלט אן ענין פון 'ריבוי הכמות' און אן ענין פון 'ריבוי האיכות'. 'ריבוי הכמות' מיינט, אז א מענטש טוט 'אסאך' מעשים אדער 'גרויסע' מעשים. און 'ריבוי האיכות' מיינט, אז דאס וואס ער טוט, האט אין זיך א טייערקייט און חשיבות - אפילו אויב ער טוט נישט אזויפיל און נישט אויף אזא גרויסן פארנעם.

**איצט** לאמיר אריינטראכטן כלפי עבודת ה': וואספארא סארט 'ריבוי' איז חשוב ביים אייבערשטן, 'ריבוי הכמות' אדער 'ריבוי האיכות'? די תורה וויל אז א מענטש זאל ענדערש צושטעלן אסאך עבודות און גרויסע עבודות, אדער אז א מענטש זאל ענדערש צושטעלן א חשוב'ע און איכות'דיגע עבודה?

###### פארן אייבערשטן איז נישט שייך קיין 'ריבוי הכמות'

**דער** תירוץ איז: דער אייבערשטער איז דאך אזוי גרויס; ווי דער פסוק זאגט (תהלים קמה, ג): "וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר", און וויפיל דער מענטש וועט נאר צושטעלן פון דעם מושג 'גרויסקייט' - איז דאך עס נאכאלץ ממש גארנישט כלפי דעם 'אין סוף' ברוך הוא! עס איז דאך נישט שייך צו זאגן אויף א געוויסע מצוה, אז דאס איז צו 'ווייניג' אדער צו 'קליין' פארן אייבערשטן, און אויף אן אנדערע מצוה, אז עס איז שוין 'גענוג גרויס' פארן אייבערשטן, ווייל מיט אזעלכע ווערטער מאכט מען חלילה קלענער דעם כבוד פונעם אייבערשטן, ווייל מען זאגט, אז עס איז דא עפעס א געוויסער שיעור וועלכע הייסט שוין יא 'אסאך' פארן 'אין סוף ברוך הוא'!

**אבער** אינ'אמת'ן, וויפיל א מענטש וועט נאר טון אין 'כמות' - וועט עס נאכאלץ הייסן 'ווייניג' כלפי דעם אייבערשטן; ווי דער פסוק זאגט (תהלים נ, יב): **"לֹא עַל זְבָחֶיךָ אוֹכִיחֶךָ וְעוֹלֹתֶיךָ לְנֶגְדִּי תָמִיד וגו' כִּי לִי כָל חַיְתוֹ יָעַר וגו' אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ כִּי לִי תֵבֵל וּמְלֹאָהּ"** - די גאנצע וועלט איז מיינס, און איך דארף נישט אז דו זאלסט מיר

׳געבן׳ קרבנות. ממילא, פארשטייט מען, אז נישט ׳ריבוי הכמות׳ וויל דער אייבערשטער.

**דאס** איז ענליך צו דאס וואס דער עבודת ישראל שרייבט (פרשת בא ד״ה איתא במדרש), אז די סברא וואס פרעה און אלע חכמי אומות העולם האבן געהאלטן, אז דער אייבערשטער איז נישט משגיח אויף אונזער וועלט, ווייל ׳אין כבודו להשגיח בתחתונים׳ - דאס איז א בזיון כלפי מעלה, ווייל מיט דעם זאגט מען, אז אויף מלאך מיכאל איז אים יא א כבוד משגיח צו זיין. אבער אינ׳אמת׳ן, איז די השגחה אויף מלאך מיכאל פונקט אזא ׳פחיתות הכבוד׳ - כביכול - פארן ׳אין סוף׳ ווי די השגחה אויף אונזער וועלט.

ער וויל בעיקר דעם ׳איכות׳: די ריינע כונה

**נאר** וואס דען? דער אייבערשטער וויל פון א מענטש ׳ריבוי האיכות׳ - אז דער מענטש זאל עס טון מיט א ריינע כונה און מיט א ריין הארץ צום אייבערשטן; ווי חז״ל זאגן (ברכות ה:): ״אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים״ - דער איינציגער חילוק סיי ביים ׳מרבה׳ און סיי ביים ׳ממעיט׳ איז נאר, וויפיל האט ער עס געמיינט מיט א ריין הארץ פארן אייבערשטן. און ווי עס שטייט (סנהדרין קו:): ״רחמנא לבא בעי״ - דער אייבערשטער דארף בעיקר דעם הארץ.

׳יגיעה׳ איז אויך ׳איכות׳

**׳ריבוי** האיכות׳ מיינט אויך, אז א מענטש טוט א מצוה ווען עס קומט אים אן שווער; ווי חז״ל זאגן (אבות ה, כב): ״לפום צערא אגרא״ - ווי שווערער עס איז אים אנגעקומען, אלץ גרעסער איז דער שכר דערויף.

׳השגות׳ איז אויך ׳איכות׳

**פארשטייט** זיך, אז ׳ריבוי האיכות׳ איז אויך שייך אין ׳השגה׳, ווי די צדיקים וועלכע דינען דעם אייבערשטן מיט הויכע השגות וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך; ווי דער נועם אלימלך שרייבט (פרשת ויגש ד״ה ויגש), אז די צדיקים האבן א בחינה פון ׳אין סוף׳, וויבאלד זיי זענען משיג גרויסע השגות אן קיין שיעור, און מחשבה איז א זאך וואס איז ׳אין סוף׳.

א מענטש קען בכלל נישט צושטעלן קיין 'כמות'

**און** אינ'אמת'ן, מצד דעם 'יכולת' פון א מענטש, איז אויך נישט שייך צו פארלאנגען 'ריבוי הכמות', ווייל ער האט בכלל נישט קיין בחירה אויף 'אויספירן למעשה'! ווי דער חובות הלבבות זאגט (שער הבטחון פרק ד, החלק הרביעי), אז א מענטש קען נאר בוחר זיין אין 'רצון' - צו 'וועלן' טון, און 'הסכמה בלב' - צו 'מחליט זיין' צו טון, אבער אויף אויסצופירן די מעשים 'בפועל' - אז ער זאל האבן די געלעגנהייט צו טון די מצוה, און אז ער זאל האבן די כוחות צו עומד זיין בנסיון און זיך מתגבר זיין אויפן יצר הרע ווען עס קומט מקיים צו זיין א מצוה 'בפועל' - דאס איז שוין נישט אין זיינע הענט, נאר דאס איז תלוי בלויז אינעם אייבערשטן; ווי די גמרא זאגט (קידושין ל:): "אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו". קומט דאך אויס, אז דאס עצם 'טון' אסאך מעשים אדער גרויסע מעשים - ליגט נישט אין זיין 'בחירה' נאר עס איז ביד הקב"ה. נאר דאס וואס ער האט א ריין הארץ פארן אייבערשטן, און אפילו עס איז אים שווער - איז אבער זיין 'רצון' נאכאלץ דא, און ער וויל עס נאכאלץ דורכפירן - דארט שטעקט זיין אמת'ע 'בחירה בטוב'! און דאס איז די גאנצע וואס דער 'אין סוף ברוך הוא' וויל פון א מענטש, אז ער זאל 'בוחר זיין' צו 'וועלן טון' דעם רצון ה'.

די גוים האבן געמיינט אז זיי דארפן צושטעלן 'כמות'

**די** אומות העולם האבן דאך נישט קיין השגה אינעם אייבערשטן, זיי ווייסן דאך נישט אז דער אייבערשטער איז 'אין סוף', ממילא מיינען זיי, אז עס איז 'שייך' צו צושטעלן פארן אייבערשטן א 'ריבוי הכמות'. אזוי אויך, ווייסן זיי נישט די נישטיגקייט פון א מענטש, אז ער קען גארנישט טון, נאר בלויז 'וועלן' און 'מחליט' זיין.

**און** דערפאר, ווען דער אייבערשטער איז געקומען צו זיי און געפרעגט צי זיי ווילן נעמען די תורה, האבן זיי פארשטאנען אז מען רעדט דא פון 'כמות', אז דער אייבערשטער פארלאנגט פון זיי, אז זיי זאלן מאכן זיכער מיט 'זייערע אייגענע כוחות' צו 'טון' אסאך מצוות און 'נישט טון' קיין שום עבירה. דערפאר האבן זיי אפגעשאצט זייערע כוחות, צי זיי קענען צושטעלן דעם 'כמות' וואס די תורה פארלאנגט (ווייל אויב איז דער 'בפועל' געוואנדן בלויז אין סייעתא דשמיא, טוען זיי

דאך גארנישט - לשיטתם אז בלויז 'כמות' איז חשוב). און נאכן דורכטראכטן, האבן זיי געזאגט: "ניין! מיר קענען נישט צוזאגן אז מיר וועלן נישט דורכפאלן מיטן יצר הרע פון רציחה! מיר האבן נישט קיין 'אייגענע' כוחות, זיך צו קענען איינהאלטן ביי יעדן נסיון - וועלכע וועט נאר אונטערקומען - אין דעם ענין פון רציחה!". און אזוי האט יעדע אומה געענטפערט כלפי דער מצוה וואס עס איז פאר זיי די שווערסטע צו צושטעלן.

###### אידן האבן געענטפערט 'נעשה ונשמע' – מיר געבן דיר אונזער רצון!

**אבער** כלל ישראל האט געוואוסט אז דער אייבערשטער איז 'אין סוף' און עס איז נישט שייך אים אהערצושטעלן קיין 'ריבוי הכמות'. און פון צווייטן זייט האבן זיי אויך געוואוסט די קטנות פון א מענטש, אז א מענטש האט נישט קיין כח אויסצופירן גארנישט, און ער קען נאר צושטעלן אביסל הארץ. ממילא, ווען דער אייבערשטער האט זיי געפרעגט צי זיי ווילן מקבל זיין די תורה, האבן זיי באלד געזאגט: "מיר מאכן נישט קיין חשבונות צי מיר וועלן 'קענען' מקיים זיין די תורה **בפועל**, ווייל דאס האט דאך נישט מיט אונז! מיר 'אליין' קענען דאך נישט מקיים זיין אפילו קיין איין מצוה, און אלץ איז דאך נאר סייעתא דשמיא, און דער אייבערשטער דארף דאך נאר אונזער 'בחירה' און אונזער 'רצון', נו אויב אזוי, גיבן מיר באלד אהין פארן אייבערשטן דעם 'רצון', און מיר שרייען **נעשה ונשמע!**".

###### 'רבא' איז מסביר פארן 'צדוקי': אונזער עבודה איז 'איכות'

**ווען** דער צדוקי האט געטשעפעט מיט רבא, אז עטץ האט געטון אן איבערגעאיילטע שריט פון זאגן 'נעשה ונשמע' - אָן זען פריער צי עס איז שייך **במציאות** דאס מקיים צו זיין, האט אים רבא געענטפערט: **"אנן דסגינן בשלימותא"** - מיר שטעלן צו פארן אייבערשטן א 'שלימות' פון 'איכות' - און נישט קיין 'ריבוי' פון 'כמות'! און ווי רש"י זאגט: **"התהלכנו עמו בתום לב כדרך העושים מאהבה"** - מיר האבן בלויז צוגעשטעלט אונזער **הארץ** און אונזער **אהבה** צו אים - וואס נאר דאס וויל ער פון אונז - און דאס האבן מיר צוגעשטעלט מיטן זאגן 'נעשה ונשמע'. איי, וויאזוי האבן מיר זיך אונטערגענומען צו טון אויף 'למעשה'? אפשר וועלן מיר דאס נישט קענען אויספירן? אויף דעם זאגט רש"י: **"וסמכנו עליו שלא יטעננו**

**בדבר שלא נוכל לעמוד בו"** - מיר האבן זיך פארלאזט אויף אים! ווייל ער איז דאך דער וואס גיבט אונז כח און יכולת צו טון - נישט אונז אליינס מיט אונזערע כוחות, און אויב אזוי, איז דאך זיכער אז אויב ער וויל מיר זאלן טון - וועלן מיר דאס אודאי קענען אויספירן 'למעשה'!

מדות שבורות – נישט גיין מיט 'איין' מדה ביזן סוף

**דער זרע קודש** רעדט באריכות אויף אסאך פלעצער[א], אז א מענטש טאר נישט נעמען בלויז איין מדה, ווי למשל 'מדת החסד', און גיין דערמיט עד הסוף, ווייל דעמאלט וועט ער זיין א בעל חסד אויך אויף אכזרים, און דאס טאר מען דאך נישט; ווי חז"ל זאגן (מדרש תהלים ז): "כל המרחם על אכזרי סופו להתאכזר על הרחמנים", נאר מען דארף דאס אויסמישן מיט 'גבורה', אז ווען די תורה איז מחייב צו זיין אן אכזר זאל מען נוצן די מדה פון גבורה. אזוי אויך מיט 'מדת הגבורה': נישט גיין דערמיט עד הסוף, און ווערן אין כעס אויף יעדן איינעם, נאר בלויז אויף רשעים און פושעים, און אזוי דארף מען ארבעטן מיט אלע מדות.

א משכן בויעט זיך פון מדות וואס מען צוברעכט פארן רצון ה'

**מיט** דעם איז דער זרע קודש מסביר דעם טעם פארוואס די 'מדות המשכן' און די 'כלי המשכן' זענען געווען צובראכענע אמות, 'אמתיים **וחצי**', אמה **וחצי**', וכדומה. ווייל דאס קומט ווייזן, אז 'השראת השכינה' איז נאר שייך, דארט וואו די מדות זענען צובראכן! מען גייט נישט מיט די מדה ביזן סוף, נאר דארט וואו דער אייבערשטער וויל אנדערש צוברעכט מען עס און מען נעמט אריין אויך די אנדערע מדה! און דוקא אויף דעם יסוד האט זיך געבויעט דער משכן פארן אייבערשטן.



א פ' חיי ד"ה במדרש ואברהם, פ' ויחי ד"ה כל אלה, פ' בשלח ד"ה אז ישיר, פ' משפטים ד"ה א"י ואלה, פ' תשא ד"ה במדרש שלש.

'מדות שבורות' איז אויך 'איכות' – אפוועגן און באלאנסירן די מדות

**דער** ענין פון 'מדות שבורות' ווייזט אויף דעם ענין פון 'איכות'. ווייל אויב וואלט דער עיקר עבודת ה' געווען דער 'ריבוי הכמות' - פון טון אסאך מעשים, וואלט מען דאך נישט געדארפט אזוי ווייט קוקן צי דער 'חסד' איז ריכטיג און אין פלאץ, נאר דער עיקר איז מען טוט א גרויסן 'כמות' פון חסד. אבער וויבאלד דער עיקר איז דער 'איכות', צו מיינען די זאך אמת'דיג און נאר צו טון דעם רצון ה', דערפאר מוז מען שוין וועגן און מעסטן יעדע מדה: "איז טאקע דער רצון ה' אים **יעצט** צו דינען מיט מדת החסד? צי מיין איך טאקע בלויז רצון ה'? אדער איך מיין בלויז 'מיך' - וואס איך האב א טבע פון חסד?". וואס די הוכחה דערצו איז, אין א פאל וואו דער רצון ה' איז, אז מען זאל נישט טון יעצט קיין חסד, און אויב דארט איז דער מענטש ווייטער ממשיך מיט חסד - איז א סימן אז אלץ וואס ער טוט איז בלויז צוליב זיין טבע, און עס האט נישט קיין שום חשיבות! ווידער, אויב אבער דעמאלט האלט ער זיך צוריק פון טון חסד - דעמאלט באקומען למפרע אלע זיינע 'מעשי החסד' א חשיבות! ווייל די חשיבות פון די מעשים מעסטן זיך בלויז מיטן 'איכות'.

השראת השכינה אין א אידיש הארץ פון 'מדות שבורות'

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש: "**בשעה שאמר לו ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם אמר, רבש"ע הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך**". אודאי האט משה רבינו אויך געוואוסט, אז דער עיקר נחת רוח פונעם אייבערשטן איז נאר פון 'ריבוי האיכות'. אבער דאס איז אלץ גוט ביי די מצוות וואס מען איז מקיים, אבער דא האט משה רבינו געהערט אז דער אייבערשטער וויל מען זאל אים בויען א דירה וואו צו וואוינען, איז משה דערציטערט געווארן, ער האט חושש געווען אז אפשר דא דארף מען צושטעלן א גרויסן 'כמות' לפי כבודו, אבער דער הייליגער משה רבינו האט דאך געוואוסט אז עס איז נישט שייך אז מיר זאלן קענען צושטעלן גענוג א גרויסן 'כמות' עס זאל זיין א משכן פארן 'אין סוף', האט אים אנגעכאפט א פחד: וויאזוי קען איך מקיים זיין דעם 'ועשו לי מקדש'? אויף דעם האט אים דער אייבערשטער געענטפערט: "**משה, לא כשם שאתה סבור, אלא עשרים קרש בצפון ועשרים בדרום וכו' ואצמצם שכינה שלי ואשכון ביניהם**" - ביי מיר איז דער עיקר דער 'איכות', און דערפאר וועט מען

טאקע בויען א משכן מיט 'מדות שבורות', און דוקא דורך צובראכענע מדות - וועלכע האבן נישט קיין שלימות 'מצד כמות' - דארט וועל איך רוען! ביי מיר איז חשוב א איד וועלכער וועגט און מעסט יעדע מדה, און ער צוברעכט עס - דארט וואו מען דארף עס צוברעכן, לויטן רצון ה'! און דארט וויל איך רוען, אינעם הארץ פון דעם איד; ווי די ספרים זאגן[ב]: "**בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד**".

עבודת המדות איז געווען די הכנה צו קבלת תורה

**דער** ענין פון 'מדות שבורות' איז געווען די הכנה אויף מתן תורה, און אין דעם האבן אידן עוסק געווען די גאנצע ימי הספירה; ווי דער דברי חיים (פרשתן ד"ה ואלה) טייטשט דעם פסוק: "**ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם**", אז דער ענין פון פאררעכטן די מדות איז א יסוד אין עבודת ה', און מען מוז עוסק זיין דערין, נאך איידער מען קומט צו צום שלימות פון 'חכמת התורה'. און יעדע מדה פון די זעקס מדות (- חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד און יסוד). דארפן זיין אויסגעמישט מיט אלע זעקס מדות (זעקס מאל זעקס), וואס דאס באטרעפט זעקס און דרייסיג (די זיבעטע מדה - מלכות, רעכנט ער נישט, ווייל דאס איז כולל אלע מדות, ראה שם באריכות). דאס זאגט דער פסוק: "**ואלה**" - 'אלה' איז גימטריא זעקס און דרייסיג, "**המשפטים**" - אלע מדות זאלן זיין אויסגערעכנט מיט א ריכטיגקייט (וואס דאס רופט זיך 'משפט'), "**אשר תשים לפניהם**" - דאס זאלסטו לייגן נאך **פאר** די תורה. ווייל אנצוקומען צו תורה מוז יעדע מדה זיין געוואויגן און געמאסטן, און אויסגעמישט מיט אלע אנדערע מדות. און דערפאר האט מען געציילט ניין און פערציג טעג פון ספירה - נאך איידער מען האט מקבל געווען די תורה, ווייל אנדערש איז נישט שייך קיין קבלת התורה.

משל: שיינע פירות וואקסט נאר - אויב מען באארבעט דעם פעלד

**מען** זאגט אויך נאך, אז דער רבי חיים וויטאל האט געפרעגט פון זיין רבי'ן דער אר"י הק', פארוואס עס שטייט נישט אין דער תורה א לאו אויף אלע 'מדות רעות', ווי 'גאוה', 'כעס', וכדומה. האט אים דער אר"י הק' געענטפערט מיט א משל: אויב א מענטש קומט צום סוחר



ב אלשיך תרומה ד"ה ועשו, של"ה מסכת תענית ריש ד"ה מענין העבודה ועוד.

און ער זאגט אים: "איך וויל קויפן ביי דיר שיינע און גוטע עפל פון די מובחרים שבמובחרים!", דארף ער אים נישט אנזאגן: "זעה צו אויפאקערן דיין פעלד, צו איינפלאנצן דארט גוטע זאָמען און באוואסערן, ביז דו וועסט מיר קענען צושטעלן די שענסטע עפל!". ווייל דאס פארשטייט זיך אליינס, אז דער סוחר מוז מאכן די אלע הכנות - כדי עס זאל וואקסן שיינע עפל. האט דער אר"י הק' אויסגעפירט צו רבי חיים וויטאל: ווען דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש, אז ער זאל מקיים זיין תרי"ג מצוות, פארשטייט זיך אליינס, אז דער מענטש מוז קודם ארבעטן אויף זיינע מדות! ווייל אנדערש איז נישט שייך במציאות אז ער זאל צוקומען צו תורה און מצוות.

**און** אינ'אמת'ן איז עס א בפירוש'ער מדרש (ויק"ר ט, ג): "דרך ארץ קדמה לתורה" - 'דרך ארץ', וואס דאס איז די 'עבודת המדות', קומט פאר תורה. נאר אלס דעם מדרש אליין, וואלט מען נאך געקענט זאגן, אז נישט אלעמאל ווי עס שטייט 'קדמה' איז טאקע דער 'סדר מעכב' (עי' דמאי א, ד). אבער לויט ווי מען רעדט איז עס טאקע ממש מעכב, אז פונקט ווי מען קען נישט שניידן פירות - איידער מען האט געאקערט און געזייט, אזוי קען מען נישט מקבל זיין די תורה און מקיים זיין די תורה - איידער מען האט געארבעט אויף די מדות.

א משכן קען מען נאר בויען פון 'נדבת לב'

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט דעם מדרש: **"כיון שקבלו ישראל עול מלכות שמים בשמחה ואמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע"** - ווי נאר אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', וואס דאס איז געקומען פון דעם וואס זיי האבן פארשטאנען צוויי זאכן: ערשטנס, אז דער עיקר איז דער 'איכות' און נישט דער 'כמות' - וואס דערפאר האבן זיי נישט געמאכט קיין חשבונות צי זיי וועלן קענען עומד זיין דעריין. און צווייטנס, אז אידן האבן געהאט געארבעט ניין און פערציג טעג אויף זייערע 'מדות', כדי צו טון דעם רצון ה' מיט יעדע מדה, וואס נאר דורכדעם האבן זיי געקענט אנקומען צו קבלת התורה; ווי דער דברי חיים זאגט - אויב אזוי **"מיד אמר הקב"ה למשה שיאמר לישראל שיעשו לו משכן"** - האט דער אייבערשטער געזאגט, זיי

זענען טאקע ראוי מיר צו בויען א משכן וואס איז רומז אויף 'איכות' און 'מדות שבורות', און דארט וועל איך טאקע רוען 'בתוכם' - אין יעדעס אידיש הארץ!

**און** דערפאר האט דער אייבערשטער מדגיש געווען דעם 'מיד', ווייל ער האט חושש געווען אז אויב מען וועטווארטן אביסל, וועלן אידן אראפפאלן פון דער מדריגה פון האבן אזא רייגער רצון, און זיי וועלן שוין נישט געבן די תרומה מיט אזא נדבת הלב און רצון. און מיט אזעלכע געלט וועט מען שוין טאקע נישט קענען אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטן, ווייל עס וועט שוין נישט האבן דעם 'איכות'. דערפאר האט ער געזאגט 'מיד', שוין יעצט, ווילאנג אידן זענען נאך אויף דער מדרגה פון 'מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ' - זאל מען שנעל נעמען די תרומה פארן משכן.

פרשת משפטים איז די עבודה פון 'מדות' – זיך רעכענען מיט יענעם

**מיט** דעם פארשטייט מען די סמיכות הפרשיות, דוקא צו דעם פסוק: "**וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו**". ווייל רש"י זאגט דאך אויף דעם פסוק מורא'דיגע ווערטער: "**והרי דברים ק"ו ומה אבנים הללו שאין בהם דעת להקפיד על בזיונן אמרה תורה הואיל ויש בהם צורך לא תנהג בהם מנהג בזיון, חבירך שהוא בדמות יוצרך ומקפיד על בזיונו על אחת כמה וכמה**" - די תורה האט אונז אויסגעלערנט א לימוד ווי ווייט מען דארף נזהר זיין נישט צו פארשעמען א חבר, וועמען עס טוט וויי ווען ער ווערט פארשעמט. קומט דאך אויס, אז פון דא זעט מען דעם ענין פון 'מדות'. און דערפאר קומט באלד דערנאך די גאנצע פרשה פון 'משפטים', וועלכע ווייזט אויך אויף דעם ענין פון 'מדות'; ווי דער דברי חיים זאגט, און ווי מען זעט אויך בפשטות, אז די גאנצע פרשה רעדט זיך פון זיך רעכענען מיט יענעמ'ס ווייטאג און בזיון - וואס דערפאר דארף מען באפרייען אן 'עבד עברי', און דערפאר דארף מען באצאלן 'בושת' און 'צער' (הלכות מזיק), און דערפאר דארף מען אפהיטן יענעמ'ס געלט, אז עס זאל נישט שאדן גיין (הלכות שומרים), און דערפאר דארף מען צוריקגעבן דעם משכון פארן ארימאן בייגאכט, און אזוי ווייטער אלע הלכות. וואס דאס אלעס ווייזט אויף

געמאסטענע מדות, וואס א מענטש טראכט פון יענעם און לייגט זיך אריין אין יענעמ׳ס מצב.

ערשט נאך פרשת משפטים קען מען זאגן ׳נעשה ונשמע׳

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין, פארוואס די פרשה פון ׳נעשה ונשמע׳ האט די תורה געלייגט ערשט סוף פרשת משפטים. ווייל כדי אנצוקומען צו א ׳נעשה ונשמע׳ - מוז מען דאך האבן אויסגעארבעטע מדות; ווי דער דברי חיים זאגט, און מען מוז קוקן בלויז אויף ׳איכות׳ - וואס די ביידע זאכן, ׳איכות׳ און ׳מדות׳, גייען צוזאמען; ווי מען האט פריער מסביר געווען. וואס אויף דעם ווייזט דאך דער גאנצער פרשת משפטים - וואס איז אלעס ענינים פון בין אדם לחבירו. און ערשט נאכדעם קומט מען צו צום ׳כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע׳.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** פון דא קען מען ארויסלערנען לענינינו ולמצבנו א געוואלדיגן מוסר השכל: ״אין הקדוש ברוך הוא מונה דפים אלא שעות״, דער אייבערשטער פארלאנגט נישט ׳כמות׳. אודאי, עס איז דא א איד וואס ער קען צושטעלן ש״ס, מיט ארבעה חלקי שולחן ערוך, בבלי מיט ירושלמי, אודאי [איז דאס גאר חשוב]. אבער עס איז דאך דא [א] רובא דכלל ישראל [וואס] זענען דאך נישט אזוי, מען דארף דאך [עוסק זיין אין] ׳על המחיה ועל הכלכלה׳, און זיי ווילן דאך אויכעט אז עס זאל זיין א ׳ושכנתי בתוכם׳! זיי ווילן דאך אויכעט א משכן! זיי זענען דאך אויך פון כלל ישראל! זיי ווילן נישט חלילה נדחה ווערן! קיינער וויל נישט ווערן נדחה חלילה פון כלל ישראל! ווערסטו מיינען חלילה, אז [אויב] דו קענסט דאס נישט צושטעלן, ממילא ביסטו שוין חלילה אינגאנצן א פארפאלענער ביסטו? **זאלסטו וויסן, א קאפיטל תהלים קען אויפטון ווי ש״ס!** אויב אז ער קען נישט **נאר** צושטעלן א קאפיטל תהלים, און ער זאגט עס ׳בלב שלם׳, מיט א צובראכנקייט, **דאס** וויל כביכול! דאס וויל דער אייבערשטער! איך דארף נאר ׳איכות׳, איז וואס א איד שטעלט צו, אין יעדן מצב וואס א איד איז, [איז עס חשוב] אזויווי דער גרעסטער! יעדער אין זיין מצב קען דאס צושטעלן.

**און** דאס איז דער מוסר השכל, עס קומען אזעלכע הייליגע טעג וואס מען ווארט דערויף א גאנץ יאר, מען האפט שוין צו צוקומען צו אזעלכע לעכטיגע טעג, מען הייבט שוין אָן אריינצוגיין אין די ארבע פרשיות, וואס עס שטייט אין די ספרים [אז זיי זענען] כנגד שם הוי"ה, וואס ביי די צדיקים איז דאס געווען 'ימים טובים', אסאך האבן געדאוונט מיטן נוסח פון ימים טובים. על כל פנים עס הייבט זיך שוין אָן די אורות, די מצוות עשה שהזמן גרמא הייבן אָן צו לייכטן אויפן כלל ישראל. איז יעצט א מצב פון [א געלעגנהייט פאר] יעדן איד זיך צו צושטעלן און [אזוי ארום] מקבל זיין אביסל פון די אורות; ווי דער עבודת ישראל זאגט אויף: **"כי תשא את ראש בני ישראל"** - אויפצוהייבן דאס כלל ישראל וואס זענען איינגעבויגן, וואס זיי זענען צובראכן, **"לפקודיהם"** - [אויף] דאס וואס פעלט זיי.

**על** כל פנים, יעדער איד ביי זיך דארף צו זען, און וויסן מחשיב צו זיין יעדע שטיקל גמרא, יעדע שטיקל חומש מיט רש"י, און יעדע שטיקל תהלים, יעדע תפלה איז עושה רושם, דאס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך. און מען וועט קענען מקבל זיין די אורות הקדושים וואס קומען.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין טאקע מקבל צו זיין בבריאות ובנחת ובאנפין נהירין, מיט געזונט, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

## "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם".

**א)** רש"י זאגט: **"אמר לו הקב"ה למשה לא תעלה על דעתך לומר אשנה להם הפרק וההלכה ב' או ג' פעמים עד שתהא סדורה בפיהם כמשנתה ואיני מטריח עצמי להבינם טעמי הדבר ופירושו לכך נאמר אשר תשים לפניהם כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם"** - דער אייבערשטער האט אנגעזאגט פאר משה, אז ער זאל נישט מיינען אז עס איז גענוג מיט דעם וואס ער זאגט זיי די טרוקענע הלכה, נאר ער מוז זיי אויך מסביר זיין די טעמים פון יעדן דין. לכאורה איז א גרויסע פלא, אז פונקט דא ביי 'דיני ממונות', וועלכע זענען נישט קיין 'חק בלי טעם', נאר יעדע זאך האט א שיינע סברא און א טעם - זאל משה רבינו האבן א הוה אמינא נישט מסביר צו זיין קיין טעם? בפרט אז מען קען דאך נישט פסק'ענען קיין דין תורה - אָן וויסן די טעמים פון יעדע זאך און מדמה זיין 'מילתא למילתא'?

**ב)** רש"י זאגט ווייטער: **"ואלה מוסיף על הראשונים מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני"**. לכאורה דארף מען נאכאלץ פארשטיין דעם שייכות פון דער סדרה מיט פרשת יתרו, ווייל די גאנצע תורה איז דאך געזאגט געווארן 'מסיני' און דאך שטייט נישט ביי יעדע אנהייב סדרה א 'ואלה', מוז דאך זיין אז חוץ פונעם 'דרש', איז עס אויך מקושר צו די פריערדיגע פרשה על פי 'פשט'?

**ג)** דער מדרש (שמו"ר ל, יב) ברענגט דא דעם פסוק (תהלים קמז, כ): **"מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל לֹא עָשָׂה כֵן לְכָל גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים בַּל יְדָעוּם"** - דער אייבערשטער האט געזאגט זיינע משפטים נאר פאר אידן און נישט פאר גוים. פרעגן די מפרשים דערויף, אז א בן נח איז דאך אויך מצווה אויף 'דינים' און 'משפטים'? אויך איז בכלל שווער דער לשון הפסוק: 'לא **עשה** כן לכל גוי', ער וואלט געדארפט ענדיגן 'מעין הפתיחה' און זאגן: לא 'הגיד' כן לכל גוי?

**ד)** סוף סדרה שטייט: **"וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע"**. ברענגט דער בעל הטורים אויפן פלאץ א מסורה פון דריי פסוקים וואו עס שטייט 'ונשמע', איינס דא, צווייטנס איז אין מגילת אסתר (א, כ): **"וְנִשְׁמַע פִּתְגָם הַמֶּלֶךְ"**, און דריטנס איז שפעטער אין פרשת תצוה

(שמות כח, לה): "**וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ**". דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די דריי פסוקים?

**מען האט מער געשמאק אין לערנען 'דיני ממונות'**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. געווענליך ווען א מענטש לערנט א לימוד וואס ער פארשטייט די טעמי הדבר, ער גייט אריין אינעם עומק הסברא און אלעס שטימט מיטן שכל - שפירט ער א געשמאקן טעם דערין, און דאס גיבט אים א געוואלדיגן מתיקות התורה. אבער ווען ער לערנט אזעלכע הלכות וועלכע זענען נישט געבויעט אויף 'סברא', נאר אויף 'גזירת הכתוב' - איז שווער צו שפירן א מתיקות, וויבאלד דער מח פונעם מענטש איז נישט נהנה פון דעם לימוד. קומט אויס, אז ביי אזא מענטש איז דא א חילוק צווישן 'חוקים' און 'משפטים', אז אין 'חוקים' - וואס דאס זענען 'גזירת הכתוב' - פילט ער נישט קיין טעם, און אין 'משפטים' - וואס דאס זענען פארשטענדליכע דינים - שפירט ער יא א טעם.

**אויף יענער וועלט שפירט מען דעם זעלבן געשמאק אין א 'גזירת הכתוב'**

**דאס** איז אבער נאר אויף דער וועלט, אבער ווען א מענטש קומט ארויף אויף יענער וועלט און ער איז זוכה צו זיצן אין גן עדן און לערנען תורה - שפירט ער פונקט אזא מתיקות התורה אין די 'חוקים' ווי אין די 'משפטים'! ווייל דארט איז דער מתיקות דאס וואס דער מענטש איז מרגיש דעם 'אור אלקי' וואס ליגט אין דער תורה; ווי דער זוהר הק' זאגט: "קודשא בריך הוא ואורייתא חד" - דער אייבערשטער איז איינס מיט דער תורה. און דער רמב"ם שרייבט (הל' יסודי התורה ב, י): "הבורא יתברך הוא ודעתו אחד" - די חכמה און דעת פונעם אייבערשטן איז איינס מיט אים. און ווען א איד לערנט תורה איז ער ממש מאוחד מיטן אייבערשטן בתכלית האחדות, וואס דאס איז דער גרעסטער תענוג וואס איז נאר פאראן, און קיין גרעסערס פון דעם איז נישטא.



**מען קען זוכה זיין צו באקומען א טעם אין תורה 'מעין עולם הבא'**

**אויב** א מענטש איז זוכה זיך אויסצוארבעטן ביז צו א מדרגה פון א צדיק, איז ער **שוין** זוכה אויף **דער** וועלט - צו שפירן דעם 'אור התורה', אויף אן אופן פון 'מעין עולם הבא'; ווי די גמרא זאגט (ברכות

יז.), אז די אמוראים פלעגן זיך וואונטשן: "עולמך תראה בחייך" - דו זאלסט **שוין** זען דיין עולם הבא נאך ביים לעבן. און אזוי שרייבט טאקע דער נועם אלימלך (פרשת תרומה ד"ה א"י דאיתא) און נאך ספרים הק', אז מען גיבט פאר צדיק א הרגשה צו שפירן א שטיקל 'נעימות' פון לעתיד. און אזוי פארציילט מען אויך נאך פונעם רבי'ן ר' זושא זי"ע, אז ער האט געזאגט: "איך בעט נישט קיין שכר פאר דאס וואס איך דאווען און לערן היינטיגע צייטן, ווייל איך שפיר דאך אזא מין 'נועם' דערין, נו, דארף איך נאך באקומען באצאלט אויף דעם? איך בעט נאר שכר פאר דאס וואס איך האב זיך געמוטשעט ביים אנהייב - נאך איידער איך האב זוכה געווען צו פיהלן די טעמים!". נאכמער שטייט אין עבודת ישראל (אבות ג, ו), אז א צדיק שפירט יעדן טאג א נייעם טעם און תענוג אין לערנען און דאווענען. זעט מען פון דעם, אז א צדיק שפירט עפעס א באהאלטענער טעם אין תורה - וואס האט נישט צו טון מיטן ענין פון 'פארשטיין' די טיפע סברא וכדומה.

**וואס איז די 'מדה כנגד מדה' דערין?**

**עס** איז דאך באקאנט, אז דער אייבערשטער פירט די וועלט אויף אן אופן פון 'מדה כנגד מדה', אז לויט וויאזוי דער מענטש פירט זיך אויף צום אייבערשטן - פירט זיך דער אייבערשטער צו אים. נו אויב אזוי, דארף מען פארשטיין, וואס איז די 'מדה כנגד מדה' וועלכע איז גורם אז דער אייבערשטער זאל אריינגעבן פאר א מענטש - שוין אויף דער וועלט - א טעם און א מתיקות אפילו אין די 'חוקים'?

**נישט שפירן קיין טעם - אפילו וואו ער קען שפירן!**

**נאר** עס קען זיין, אז דאס קומט פון דעם, וואס דער צדיק בתחלת עבודתו, ווען ער האט נאכנישט דעם טעם פון 'עולמך תראה בחייך', טוט אלעס 'לשם שמים' - אָן קיין טעם! און אפילו אין די 'משפטים' וואו ער שפירט יא א 'מתיקות' - זוכט ער בכלל נישט דעם מתיקות, נאר ער וויל בלויז לערנען ווייל דאס איז דער רצון ה'! דעריבער זאגט דער אייבערשטער: "דו האסט אוועקגעלייגט דעם 'מתיקות' פון די משפטים, און געלערנט בלויז 'לשם שמים' - וועל איך דיר באצאלן 'מדה כנגד מדה', אז אפילו אין די 'חוקים' וואו מען שפירט געווענליך נישט קיין טעם - וועסטו אויך שפירן א טעם!".

אידן האבן געזאגט: 'נעשה ונשמע' קודם ווילן מיר טון נאר צוליב רצון ה' און נישט שפירן קיין טעם

**לויט** דעם קען זיין, אז דאס איז דער ענין וואס אידן האבן געזאגט: 'נעשה ונשמע'. ווייל 'נשמע' איז דאך א לשון פון 'הבנה'; ווי עס שטייט אין פסוק (מלכים א ג, ט): "וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב שֹׁמֵעַ". אידן האבן געזאגט: "מיר ווילן קודם טון - אָן פארשטיין און אָן שפירן א טעם דעריןֹ! בלויז ווייל דאס איז רצון ה'! און ערשט שפעטער וועלן מיר שוין צוקומען צום טעם - וויבאלד דאס איז דאך אויך א חלק פון דער תורה, און דער אייבערשטער וויל אז מען זאל אויך לערנען די אלע טעמי הדינים!". און אין דעם זכות, האבן זיי זוכה געווען ביי מתן תורה צו שפירן אזא מין עולם הבא'דיגן מתיקות, ביז זיי זענען ממש אויסגעגאנגען פון גרויס מתיקות; ווי די גמרא זאגט (שבת פח:): "כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקדוש ברוך הוא יצתה נשמתן של ישראל שנאמר נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ".

נישט בלייבן מיטן 'שכל אנושי' פון די משפטים

**נאכדעם** וואס א מענטש האט שוין געשפירט א רוחניות'דיגן טעם אין די 'חוקים', דארף ער האבן א ספעציעלן כח, צו קענען שפירן א רוחניות'דיגן טעם אויך אין די 'משפטים'. ווייל דארט איז אסאך מאל שווערער זיך אויפצוהייבן צו דעם העכערן מתיקות התורה - וואס קומט פונעם 'אור אלקי' פון דער תורה - וויבאלד ער זעט דאך ווי אלעס שטימט אזוי שיין אינעם מענטשליכן שכל, און עס קען אויסקוקן חלילה ווי א פשוט'ע סברא - אָן קיין העכערקייט. דעריבער דארף מען דארט מער התאמצות, נישט צו בלייבן שטיין בלויז ביי דעם פשוט'ער טעם, נאר ארויפגיין העכער, צו שפירן דעם 'אור' וואס ליגט באהאלטן אין יעדע הלכה.

דו זאלסט נישט מחלק זיין צווישן 'שור שנגח' ביז 'עשרת הדברות'

**דאס** קען זיין פשט אין רש"י: **"לא תעלה על דעתך לומר אשנה להם הפרק וההלכה ב' או ג' פעמים עד שתהא סדורה בפיהם כמשנתה ואיני מטריח עצמי להבינם טעמי הדבר ופירושו"** - 'פירושו' דאס גייט ארויף אויף דער 'סברא' וואס איז מסביר די זאך, און 'טעמי הדבר' דאס גייט ארויף אויפן רוחניות'דיגן טעם וואס עס ליגט באהאלטן אין תורה. דערפאר וואלט געקענט זיין א הוה אמינא, אז

ביי אזעלכע הלכות - וועלכע האבן א פשוט'ן 'פירוש', קען ער בלייבן ביי דעם 'פירושו', און ער מוז נישט דארט אריינגיין און זיי מטעים זיין בײדע, סיי 'פירושו' און אויך די 'טעמי הדבר' וועלכע ליגן דערין, דערפאר זאגט דער פסוק: "**אשר תשים לפניהם כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם**" - דו זאלסט עס אראפלייגן פאר זיי ווי א טיש מיט עסן, וואס מען שפירט ממש א טעם אינעם עסן! דו זאלסט נישט מאכן קיין חילוק צווישן 'שור שנגח את הפרה' ביז צו 'עשרת הדברות', נאר איבעראל זאלסטו זיי אריינגעבן דעם זעלבן תענוג און דביקות 'מעין דלעתיד'!

**מוסיף על הראשונים – אין זכות פון נעשה ונשמע**

**אין** וועלכן זכות האבן אידן זוכה געווען דערצו, אז אפילו אזא פרשה ווי משפטים - וועלכע קוקט אויס ווי שכל'דיגע הלכות - זאלן זיי אויך שפירן דארט א העכערקייט און א דביקות; כשולחן הערוך ומוכן לאכול'? זאגט רש"י: "**ואלה מוסיף על הראשונים**" - דאס איז געקומען צוליב די פריערדיגע עבודה, וואס זיי האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', זיי האבן נישט געוואלט שפירן קיין שום טעם, נאר בלויז טון רצון ה', דורכדעם האט מען זיי אריינגעגעבן א העכערן טעם אין אלע מצוות, סיי אין די חוקים און **אויך** אין די משפטים.

**א גוי האט נישט קיין 'ביטול' צום רצון ה', דערפאר שפירט ער נישט קיין העכערקייט**

**דאס** זאגט דער פסוק: "**מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב**" - קודם האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אידן 'דברים הקשין כגידין', דאס הייסט, אז אידן האבן נישט געוואלט שפירן קיין טעם דערין, נאר דער אייבערשטער זאל זיי זאגן וואס צו טון - אָן זיי צו געבן פארשטיין דעם טעם. און אין דעם זכות איז געווארן: "**חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל**" - אז די 'חוקים' מיט די 'משפטים' זענען ביידע געווארן גלייך אויף דער זעלבער מדרגה, ווייל זיי האבן שוין געשפירט א העכערן טעם אין ביידע. דערפאר פירט ער אויס: "**לֹא עָשָׂה כֵן לְכָל גּוֹי**" - 'עשה' איז פון לשון 'תשים', פאָרלייגן פאר זיי ווי א טיש וואס איז גרייט צו עסן. דאס זאגט דער פסוק, אז פאר די גוים האט דער אייבערשטער נישט מגלה געווען דעם העכערן טעם אין די מצוות, דעם תענוג און דביקות - אפילו אין די 'משפטים' וואס זיי זענען טאקע מחויב, וויבאלד זיי האבן נישט געזאגט 'נעשה ונשמע', זיי טוען נאר ווען זיי

פארשטייען - אָן קיין ביטול צום אייבערשטן, ממילא האבן זיי זיך דאס נישט פארדינט אויף אן אופן פון 'מדה כנגד מדה'.

**'נעשה ונשמע' ברענגט אויך אז מען שפירט א טעם אין דאווענען**

**דאס** קען זיין דער שייכות צווישן די דריי פסוקים וואס דער מסורה ברענגט צוזאם: "**וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע**" - וואס דאס איז געווען אן עבודה מצד כלל ישראל, אז זיי ווילן נישט פארשטיין גארנישט, נאר אנהייבן מיט 'טון' - אָן פארשטיין א טעם. און אין דעם זכות האבן זיי זוכה געווען 'מדה כנגד מדה' צום: "**וְנִשְׁמַע פִּתְגָּם הַמֶּלֶךְ**" - אז אפילו אינעם 'פתגם' וואס דאס ווייזט אויף 'חוקים' און 'גזירת הכתוב' - האבן זיי אויך געפילט א טעם. און אז מען פילט א טעם אין לערנען, פילט מען דאך אויך א טעם אין דאווענען, ווייל דאס גייט אלעמאל צוזאמען; ווי דער פסוק זאגט (משלי כח, ט): "**מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה**". דעריבער קומט דער דריטער פסוק און ענדיגט צו: "**וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ**" - אז אויך בשעת'ן קומען צום אייבערשטן, וואס דאס ווייזט אויף תפלה - האבן אידן געפילט א העכערן טעם, א מתיקות און א דביקות. און אלעס איז געווען אינעם זכות פון 'נעשה ונשמע'.

## דברי כיבושין

**על** כל פנים, זעט מען דאך וואס א איד איז טאקע זוכה צו גרויסע 'טעמים'. אבער די 'עבודה' [איז נישט אזוי]; ווי דער רבי ר' זושא האט געזאגט: ער וויל שכר וואס קומט אים ווען א איד טוט ווען ער פארשטייט 'נישט'! דארט טוט זיך אפ דער גאנצער רצון הבורא! דאס איז די נסיונות פון אידישע קינדער! [אזוי הייבט מען אן] דער גאנצער מהלך החיים, ביז אנדערע [צדיקים] זענען זוכה 'עולמך תראה בחייך', און אנדערע וועלן זוכה ווען משיח וועט קומען און אידן וועלן משיג זיין די תורה הקדושה מיט געוואלדיגע השגות, און עס וועט זיין 'ומלאה הארץ דעה'. על כל פנים, דער חביבות פון אידן איז דער 'נעשה ונשמע', וואס א איד טוט מיט דער בחינה פון [קודם] 'נעשה' און **נאכדעם** 'נשמע'.

**באמת,** מען קוקט זיך אזוי ארום זעט מען, עס איז [היינט] אזא דור, וואס אידן זענען אזוי גרויס און זאגן 'נעשה ונשמע' מיט א מורא'דיגע בחינה! ווייל דעמאלט, ווען אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, ווער איז דעמאלט געווען מיט די אידישע קינדער? משה, אהרן און די שבעים זקנים, מיט דעם גאנצן דור המדבר - די מקבלי תורה, [וואס אויף זיי שטייט]: "אתם ראיתם". דער בחינה פון 'נעשה' איז [טאקע] געווען א בחינה פון א געוואלדיגע קדושה, דאס איז טאקע א מדריגה. אבער לכאורה, ווען מען זאל מעגן זאגן - ווי א פשוט'ער איד פארשטייט: **וואו קומט דאס - צו דעם 'נעשה ונשמע' וואס אידן זאגן 'יעצט'? יעדן טאג זאגן אידן נעשה ונשמע!** [כאטש וואס] מיר פארשטייען נישט! מיר זעען נישט! מיר הערן נישט! די נסיונות איז גרויס! מיר האבן זיך נישט צו ווענדן! מען האט דאך נישט צו וועמען צו רעדן א ווארט! און [דאך] מען וויל זיין א איד! [נו], דאס איז א קליינער נעשה ונשמע? **דאס איז דאך דער גרעסטער 'נעשה ונשמע' וואס איז געווען 'מיום עָמְדוּ ישראל על הר סיני'!**

**נאר** דער תירוץ איז, דאס [וואס מיר טוען היינט] איז טאקע פון דעמאלט! דעמאלט האבן אידישע קינדער מקבל זיין אויף 'זיך' און אויף 'ואשר איננו פה', [ממילא] איז געווען די קבלה אויף אונז אלע, אז אויכעט אין **אזעלכע** טעג און אין אזעלכע זמנים זאל מען זיך קענען דערהאלטן.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, אונז זאל מען זוכה זיין, מען זאל האבן סייעתא דשמיא, מען זאל נישט חלילה פארפאלן ווערן, עס איז שוין אדורך די הייליגע שובבי"ם טעג באלד, יעצט איז נאך דא ת"ת [**ת**'רומה **ת**'צוה]. על כל פנים, זאל דער אויבערשטער זיך מרחם זיין אויף אונזערע נפשות, מען זאל מיר נישט פארפאלן ווערן, זאלן מיר זוכה זיין צו א שטיקל הרהור תשובה, און מיר זאל מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## וְאֶל אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹקִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ.

**א)** רש"י זאגט: **"לא שלח ידו - מכלל שהיו ראוים להשתלח בהם יד. ויחזו את האלהים - היו מסתכלין בו בלב גס מתוך אכילה ושתיה"** - בעצם איז זיך זיי געקומען אן עונש, וויבאלד זיי האבן געקוקט אויפן גילוי ה' אן קיין פחד. אבער למעשה האט מען זיי נישט מעניש געווען. דארף מען צו פארשטיין, פארוואס טאקע האט מען זיי נישט מעניש געווען? רש"י (כד, י) זאגט: "שלא רצה הקב"ה לערבב שמחת התורה והמתין לנדב ואביהוא עד יום חנוכת המשכן" - דער אייבערשטער האט נישט געוואלט צושטערן די שמחה. אבער עס איז נאכאלץ שווער, ווייל מען זעט דאך אז ביים שמחת חנוכת המשכן האט ער נישט חושש געווען אז דאס וועט צושטערן די שמחה, נו, וואס איז דא אנדערש?

**ב)** נאכדעם ברענגט רש"י: **"ואונקלוס לא תרגם כן"** - דער תרגום טייטשט, **"וְהֲווֹ חָדָן בְּקֻרְבָּנֵיהוֹן דְּאִתְקַבָּלוּ בְּרַעֲוָא"**, זיי האבן זיך געפריידט מיט זייערע קרבנות וועלכע זענען געווארן אנגענומען ברצון, כאילו זיי וואלטן געגעסן און געטרונקען. דארף מען פארשטיין, וויאזוי רש"י און תרגום שטימען איינס מיטן אנדערן, ווייל לכאורה לויטן תרגום שטייט דאך דא ממש א פארקערטע זאך, אז זיי זענען גאר געווען דעמאלט אויף א גאר הויכע מדרגה?

**ג)** אנפאנג סדרה שטייט: **"וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם"**. זאגט רש"י: **"אשר תשים לפניהם כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם"** - דו זאלסט אנגרייטן די הלכות פאר זיי ווי א טיש וואס איז אנגעגרייט מיט עסן. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס האט אויסגעפעלט צו צולייגן דערצו דעם משל פון א טיש מיט עסן?

**ד)** א צווייטע פשט זאגט רש"י: **"לפניהם ולא לפני עכו"ם"** - דו זאלסט גיין זיך פסק'ענען נאר ביי א אידישער בית דין און נישט ביי א גוי'אישע געריכט. לכאורה לויטן ערשטן פשט האט דער אייבערשטער געזאגט דעם פסוק צו משה - אז ער זאל עס פאָרלייגן פאר כלל ישראל, און לויטן צווייטן פשט האט משה דאס געזאגט פאר אידן - אז זיי זאלן פאָרלייגן זייערע טענות פארן בית דין. דארף

מען פארשטיין, וויאזוי קען רש״י זאגן אזעלכע צוויי פשטים פארקערט איינס פונעם אנדערן?

**ה)** די פריערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיטן פסוק: ״**וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו**״. דארף מען פארשטיין דעם ׳סמיכות׳ צו פרשת משפטים.

**ו)** דער **חזקוני** זאגט אויף דעם פסוק: ״**ולא תעלה במעלת על מזבחי - עליו אי אתה פוסע פסיעה יתירה רק גודל בצד עקב ועקב בצד גודל, אבל אתה פוסע פסיעה יתירה בהיכל ובקדשי הקדשים**״ - ווען מען גייט ארויף אויפן מזבח האט מען געדארפט גיין איידעלע טריט, און זיך נישט אויסשפרייטן, אבער ווען מען איז אריין אינעם היכל אדער אין קדשי קדשים, האט מען געמעגט גיין גרויסע טריט. פרעגט דער **דעת זקנים**: פארוואס טאקע איז די תורה מקפיד אויף אזא איידלקייט נאר ביים מזבח, און נישט ביי קיין שום אנדערע פלאץ אין בית המקדש?

##### דער ׳עונש׳ דורך השפעות פון ׳חסד׳ ברענגט צו תשובה

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די ספרים הק׳[ג] ברענגען אראפ פונעם בעל שם טוב הק׳, אז עס איז פארהאן אן אופן פון ׳עונשים מתוך חסדים׳, אז דער אייבערשטער איז משפיע פאר א מענטש א געוואלדיגן שפע, און דורכדעם הייבט אן דער מענטש צו טראכטן: ״בין איך דען ווערד אזעלכע חסדים? איך האב דאך געזינדיגט פארן הייליגן באשעפער! און יעצט זעה איך ערשט קעגן וועמען איך האב געזינדיגט, קעגן אזא **גוטן** מלך, וואס טוט מיט מיר אזויפיל גוטס!״. און אזוי ארום ווערט ער זייער צובראכן ביי זיך, און ער שעמט זיך אז דער אייבערשטער איז אים אזוי שטארק מטיב, ביז ער טוט טאקע תשובה און ער איז זוכה צו הויכע מדרגות. און מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק: ״**אל נקמות ה׳**״ - דער אייבערשטער נעמט נקמה דורכן ׳מדת אל׳, וועלכע ווייזט אויף חסד; ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נב, ג) ״חֶסֶד אֵל כָּל הַיּוֹם״.



---

ג תולדות יעקב יוסף פרשת בא, קדושת לוי אבות ב, ח, ועוד.

**מיט** דעם האט דער בעל שם טוב (מובא בשפת אמת בערזאן פ' קדושים) איך געטייטשט דעם פסוק: "**וימעטו וישוחו מעוצר רע ויגון**" - ערליכע אידן ווערן איינגעבויגן און קליין ביי זיך, פון דעם וואס דער אייבערשטער **האלט צוריק** פון זיי דעם 'רע ויגון', און ער טוט זיי בלויז גוטס, פון דעם קומען זיי צו שפלות, צו תשובה און יראת שמים.

**עשירות ברענגט צו 'יראת שמים'**

**דער זרע קודש** (ליקוטים וישלח ד"ה קטונתי) ברענגט צו, אז דער חוזה פון לובלין זי"ע האט געזאגט, אז ווען ער וויל מתפלל זיין אויף איינעם אויף יראת שמים, איז ער מתפלל אויף 'עשירות', ווייל אין **דעם** איז שוין אויך נכלל יראת שמים. עס קען זיין אז דאס ארבעט אויך אויף דעם אופן, אז דער מענטש וועט זיך שעמען פון אזעלכע השפעות טובות - וואס ער איז נישט ראוי דערצו, און דורכדעם וועט ער קומען צו 'חשבון הנפש' און צו 'תשובה'.

**נאר מיט די ריכטיגע אמונה ברענגט 'השפעות טובות' צו 'תשובה'**

**אבער** כדי אז א מענטש זאל טאקע קענען קומען צו תשובה - דורך השפעות טובות, מוז ער זיין קלאר מיט דער אמונה אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, און נישט טראכטן א מחשבה פון "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", ווייל אויב איז ער נישט קלאר אין דעם, איז פארקערט, נישט נאר אז די עשירות און השפעות וועלן אים נישט ברענגען צו תשובה, נאר עס קען אים חלילה מאכן זינדיגן נאכמער; ווי עס שטייט (דברים לב, טו): "וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט".

**א גוי ווערט א בעל גאוה און א מורד בהקב"ה - דורך השפעות טובות**

**און** דאס איז דער חילוק צווישן א איד און א גוי, ווייל די טבע פון א איד איז, אז ער ווערט בשפלות פון השפעות טובות; ווי די גמרא זאגט (חולין פט.): "**אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל חושקני בכם, שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני**" - דער אייבערשטער זאגט פאר אידן, איך גלוסט צו אייך, ווייל אפילו בשעת ווען איך געב אייך גרויסקייט, האלט איר זיך קליין פאר מיר. ווידער, די טבע פון א גוי איז פונקט פארקערט, אז בשעת ווען מען גיבט אים צופיל גוטס, ווערט ער בגאוה און ער איז מורד אינעם אייבערשטן; ווי די גמרא פירט דארט אויס: "**אבל עובדי כוכבים אינן**

**כן, נתתי גדולה לנמרוד אמר הבה נבנה לנו עיר. לפרעה, אמר מי ה׳. לסנחריב, אמר מי בכל אלהי הארצות וגו׳ לנבוכדנצר, אמר אעלה על במתי עב. לחירם מלך צור, אמר מושב אלהים ישבתי בלב ימים״.**

**קרבנות מיינט: אלעס וואס איך פארמאג איז נאר פונעם אייבערשטן**

**דער זרע קודש** (פרשת צו ד״ה א״י כי כתיב) איז מסביר, אז דאס איז דער ענין פון ׳קרבנות׳, וואס א מענטש נעמט די השפעות וואס דער אייבערשטער האט אים משפיע געווען, און ער גיבט עס צוריק פארן אייבערשטן, און מיט דעם רופט ער אויס, אז ער טוט אנערקענען אז אלעס וואס ער פארמאגט - איז נאר פונעם אייבערשטן! און ער וויל עס צוריקגעבן צום מקור און שורש פון וואו עס קומט; ווי ער טייטשט דעם פסוק (תהלים קטז, יב): **״מָה אָשִׁיב לַה׳״** - וואס קען איך דען צוריק געבן פארן אייבערשטן? **״כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי״** - אלע טובות וואס ער האט מיר געטון, גלייב איך און בין מכיר אז אלעס קומט נאר פון אים.

**דער ׳מזבח׳ איז א מקום פון שפלות רוח און א מקום פון תשובה**

**קומט** אויס לויט דעם, אז דער ׳מזבח׳ וואו מען איז מקריב די קרבנות, איז א פלאץ פון שפלות און עניוות. און דערפאר איז טאקע אויך דארט דער ׳מקום התשובה׳, ווייל איינמאל א מענטש איז מכיר אז אלע השפעות טובות וואס ער האט - קומט פונעם אייבערשטן, הייבט ער זיך אן צו שעמען מיט זיינע חטאים, און ער טוט תשובה.

**בלויז ביים מזבח דארף מען גיין ׳עקב בצד גודל׳**

**לויט** דעם פארשטייט מען זייער גוט דעם איסור פון: **״וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי״**. ווייל דער ענין פון גיין ׳עקב בצד גודל׳ ווייזט אויף די מדה פון שפלות; ווי עס שטייט אין מסילת ישרים (פרק כב), אז פון די ׳דרכי הענוה׳ איז, דאס וואס דער מענטש גייט נישט קיין ׳פסיעה גסה׳, נאר ער גייט ׳עקב בצד גודל׳, וויבאלד ער איז נכנע און שפל פארן אייבערשטן. און דערפאר האט די תורה מקפיד געווען בלויז ביים ארויפגיין צום מזבח, וויבאלד דארט ברענגט מען די קרבנות, וואס דאס ווייזט אויף ׳שפלות׳, אז מען איז מכיר אז אלץ וואס מען פארמאגט - האט מען באקומען פונעם אייבערשטן.

**זיי מעניש אידישע קינדער מיט כל טוב!**

**מיט** דעם קען מען טייטשן: "**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם**" - מיט די סארט דינים און עונשים זאלסטו מעניש זיין אידישע קינדער, איז רש"י מסביר, וועלכע סארט עונשים? "**אשר תשים לפניהם כשלחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם**" - דו זאלסט זיי משפיע זיין פון כל טוב! זיי זאלן האבן א טיש פול מיט השפעות טובות! און דאס וועט שוין זיין דער עונש פאר זיי! ווייל דאס וועט זיי מאכן תשובה טון! דערפאר זאגט רש"י באלד צו: "**לפניהם ולא לפני עכו"ם**" - די סארט 'עונשים' העלפט נאר ביי אידישע קינדער, וואס זיי ווייסן אז אלעס קומט פונעם אויבערשטן, אבער ביי די גוים העלפט נישט אזעלכע סארט עונשים, ווייל דאס ברענגט זיי בלויז מורד צו זיין אינעם אייבערשטן.

**און** דערפאר איז דאס מחובר צום פסוק פון "**וְלֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל מִזְבְּחִי**", וואס דאס ווייזט אויפן גאנצן ענין פון מזבח, אז דארט איז דער פלאץ וואו עס ברענגט זיך ארויס די עניוות פון אידישע קינדער, אז זיי ברענגען קרבנות פון די השפעות וואס דער אייבערשטער איז זיי משפיע וואס דורכדעם טוען זיי תשובה.

**מען האט יא מעניש געווען די 'אצילי בני ישראל' - מיט 'ויאכלו וישתו'**

**מיט** דעם פארשטייט מען, אז דער אייבערשטער האט טאקע יא מעניש געווען די 'אצילי בני ישראל', נאר זייער עונש איז געווען דאס וואס דער פסוק זאגט: "**וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ**" - זיי האבן געגעסן און געטרינקען! דער אייבערשטער האט זיי משפיע געווען השפעות טובות, און דאס איז דער גרעסטער עונש וואס מען קען זיי נאר געבן, ווייל זעענדיג אזעלכע השפעות זענען זיי געווארן צובראכן ביי זיך און תשובה געטון! אבער דאס איז אלץ געווען נאר מיטן כח פון אמונה אז אלץ קומט פונעם אייבערשטן, דעריבער זאגט טאקע דער תרגום: "**וְהַווֹ חָדָן בְּקָרְבָּנֵיהוֹן דְּאִתְקַבָּלוּ בְּרַעֲוָא**" - זיי האבן זיך געפריידט אז דער אייבערשטער האט אנגענומען ברצון זייערע 'קרבנות', וואס דאס ווייזט אז זיי זענען געווען אין דער מדרגה פון 'מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי', אז זיי האבן נאר געוואלט צוריקגעבן אלעס פארן אייבערשטן.

**היוצא לנו מזה:** אז ווען דער אייבערשטער העלפט א איד און ער האט פון אלעם גוטן, דארף מען געדענקען אז אלעס איז פונעם אייבערשטן, און ער זאל דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם; ווי מיר האבן געטייטשט דעם פסוק (תהלים קט, כו): "**עָזְרֵנִי ה' אֱלֹקָי הוֹשִׁיעֵנִי כְחַסְדֶּךָ וְיֵדְעוּ כִּי יָדְךָ זֹּאת אַתָּה ה' עֲשִׂיתָהּ**", אז דוד המלך איז מתפלל: "**הוֹשִׁיעֵנִי כְחַסְדֶּךָ**" - העלף מיר באשעפער מיט דיין מדת החסד, אבער איך בעט דיר, אז ווען דו וועסט מיר העלפן, זאל איך זיך נישט איינרעדן אז איך האב עפעס געטון דא, נאר "**וְיֵדְעוּ כִּי יָדְךָ זֹּאת אַתָּה ה' עֲשִׂיתָהּ**" - איך זאל וויסן אז עס איז דיין האנט! נאר דו האסט מיר געהאלפן! ווייל עס איז דא א גרויסער יצר הרע, וואס שלעפט דעם מענטש צו זאגן 'כוחי ועוצם ידי', און ווען מען הייבט אן מיט דעם, רייסט ער זיך אפ און פארגעסט אינגאנצן פונעם אייבערשטן! ער מיינט אז ער קען עפעס און אז ער טוט עפעס, און ער ווייסט נישט אז אלע ישועות און השפעות זענען שוין געווען אנגעשריבן פון פריער - נאך איידער ער האט עפעס געטון דערצו.

**עס** קומט שוין די פרייליכע לוסטיגע טעג פון חודש אדר, דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן קענען מקבל זיין די הייליגע לוסטיגע טעג מיט שמחה ונחת ברוחניות וגשמיות, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### הרה"ק רבי ארון לייב מפרימישלאן זצ"ל
### ב' אדר תקע"ג

#### געליטן יסורים פאר משיח'ס וועגן

**דער** רבי ארון לייב פון פרימישלאן זי"ע איז אמאל געקומען צו רבי מענדעלע רימנובער זי"ע, און ער האט אים געזאגט: "מען האט מיר מגלה געווען פון הימל, אז דער רבי איז משיח!". האט ער אים געענטפערט: "איר זענט דאך אין דער מדרגה פון '**אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע**' (תהלים מה, ח), וואס דער פסוק ענדיגט '**עַל־כֵּן מְשָׁחֲךָ**', ממילא זענט איר משיח!". האט רבי ארון לייב צוריק געענטפערט: "אונז האבן בקבלה אז מען נארט אונז נישט אויס פון הימל, נאר איך האב מקבל געווען אויף מיר, אז דער חלק יסורים וואס משיח ליידט - אויף דעם וואס ער קען נישט קומען צוליב די חטאים פון אידישע קינדער, ווי עס שטייט (ישעיה נ"ג ה'): 'והוא מחולל מפשעינו' - זאל איך אליינס ליידן און נישט ליידן צוליב מיר, און ממילא האב איך א 'בחינה' פון משיח!".

### הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע
### א' אדר תרס"ו

**דער** טאטע זכרונו לברכה איז אסאך געווען ביים גארליצער רב זצ"ל. ער איז דאך געווען זיין פעטער[ד]. ער פלעגט פארציילן פארשידענע פלא'דיגע מעשיות פונם הייליגן גארליצער רב, בסוד קדושים מי יעמוד.

#### א קלאפ - א יאר

**איינע** פון די מעשיות האט ער דערציילט: דער גארליצער רב האט אמאל גענומען א איד, און אים איבערגעלייגט אויף דער באנק, און געפרעגט דעם טאטן אויפן נאמען (אלטר'ל): "**וויפיל זאל איך אים געבן?**". האט דער טאטע געענטפערט: "**זיבעציג!**". עס איז א פלא אז דער טאטע האט געלעבט זיבעציג יאר.

---

ד בזו"ש נשא הרבנית לאה בת הרה"ק ר' מענדל'ע (מנחם פנחס) שפירא מלאנצהוט.

**ובדחו רבנן...**

**נאך** א מעשה האט ער דערציילט: אמאל איז געלעגן אויפן טיש א מעלאנע. און דער טאטע איז נאך געווען א קינד, האט אים דער גארליצער רב געזאגט: "לאמיר זען, צי דו קענסט דאס ארייננעמען אין מויל אויפאיינמאל...". האט דער טאטע זיך צוריק געווערטלט מיטן פעטער: "איר זענט דאך א רבי, נו, לאמיר זען צי **איר** קענט"... דער גארליצער רב האט זיך צולאכט...

**מלח ממתיק את הבשר**

**נאך** א מעשה האט ער דערציילט: מען האט אויפגעגעבן פארן גארליצער רב א פערטל הינדל. האט דער גארליצער רב אראפגענומען די הויט, און עס איינגעוויקלט מיט א הויפן זאלץ. און ער האט צוגערופן דעם טאטן: "קום נאר! עפן אויף דאס מויל!". נו, אז דער רבי הייסט, פאלגט מען, האט ער געעפנט דאס מויל, און דער גארליצער רב האט ארייגעלייגט דעם הויט מיטן זאלץ, און דער טאטע האט געשריגן...

דאס זענען געווען אזעלכע פלא'דיגע מעשיות.

**בפשטות** קען מען אביסל מסביר זיין: די באבע מלכה ע"ה[ה] האט זייער אסאך מיטגעמאכט מיט קינדער ל"ע, זי האט זיך נאך געפראוועט אין שינאווא. און עס איז איר געבליבן צוויי קינדער, דער טאטע - א בן יחיד, און איין טאכטער[ו]. נאכן שינאווא רב'ס הסתלקות, האט זי זיך אסאך געפראוועט ביים גארליצער רב, אז די צוויי קינדער זאלן זיך האלטן. נו מילא, דער גארליצער רב מיט זיינע הויכע ענינים, האט שוין גע'פועל'ט וואס מען האט געדארפט צו פועל'ן.

ה אמה של הרב מלאנצהוט - אשת הרב רבי חיים ראובן ז"ל - בתה של הרה"ק ר' מענדל'ע שפירא מלאנצהוט ז"ל. נפטרה כ"ו סיון תרצ"ה ומנו"כ בביה"ח החדש בעיר לאנצהוט.

ו הרבנית חנה (נפטרה ו' כסלו תרצ"ד ומנו"כ בביה"ח החדש בעיר לאנצהוט) אשת הרב רבי מרדכי אלעזר רובין אב"ד קארטשין (בן הרה"צ רבי אשר ז"ל בן הרה"צ רבי שמואל ז"ל אב"ד קארטשין). נפטר בן מ"ב שנה ביום ד' תמוז תרצ"ב.

**ואת בניו לא ידע**

**דער** ציעשנובער רב זצ״ל האט געזאגט: עס איז ביי מיר ברור, אז דער גארליצער רב ווייסט נישט וויפיל קינדער ער האט!״.

**אן** ענליכע מעשה דערציילט מען אויף רבי משה פשעווארסקער זצ״ל, אז ער האט געהאט א טאכטער און זי האט זיך אמאל געדרייט ביי אים אין שטוב, פרעגט ער די רביצין: ״ווער איז דאס מיידל?״. זאגט זי: ״דו ווייסט נישט? דאס איז דאך אונזער טאכטער!״. רופט ער זיך אן: ״אזוי? דארף זי דאך א כלה ווערן!״, אבער ווי נעמט מען געלט צו גיין מאכן א שידוך מיט איר?

**איז** פונקט דעמאלט אריינגעקומען צו אים רבי לייבוש טארניגראדער, וואס ער איז געווען אויפן וועג צו א יריד. האט ער אים פארציילט אז ער האט א טאכטער אין די יארן, און ער וויל איר א כלה מאכן, אבער ער האט נישט קיין געלט. האט ער געזאגט: ״איך האב מיר מיטגענומען אסאך געלט, איך געב אוועק דעם רבי׳ן דאס גאנצע געלט!״. האט רבי משה׳לע אים אנגעוואונטשן, אז ער וועט האבן א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט! און דעמאלט איז געבוירן געווארן דער הייליגער צאנזער רב זי״ע.

**ער** האט געמאכט א גוט געשעפט... אבער דער עיקר קונץ איז, אז ער האט דאך נישט געוואוסט פון פריער אז ער וועט באקומען אזא ברכה, און דאך האט ער אים אוועקגעגעבן דאס גאנצע געלט.

**געווארן א גארליצער חסיד פון מחיית עמלק**

**דער** קאלאשיצער רב זצ״ל האט געזאגט: ״איך האב אמאל געהערט דעם גארליצער רב זאגן (אין די יוצרות פון שבת זכור) **ומח שמו וזכרו**, און ער האט עס נאכגעמאכט ווי ער האט צוטיילט די ווערטער: ״**ומח, שמו, וזכ, רו**״, בין איך דעמאלט געווארן זיינס א חסיד!״.

**מען** מיינט אז מען דארף הערן ׳מלכיות זכרונות שופרות׳ צו ווערן א חסיד, אבער ער איז געווארן א חסיד פון הערן מחיית עמלק...

**אינ׳אמת׳ן**, די גאנצע ׳מלכיות זכרונות שופרות׳ איז דאך אויך א תפלה אויף מחיית עמלק, מען בעט דאך אז עס זאל שוין נתגלה ווערן מלכות שמים אויף דער וועלט און רש״י (בשלח יז, טו)

ברענגט דאך 'נשבע הקב"ה שאין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה שמו של עמלק'. און ער האט געפילט, ווי דער עמלק איז דעמאלט געווארן נכנע.

**די** מעשה שטימט מיר אביסל מיט אן אנדערע מעשה: דער קאלאשיצער רב האט אמאל געטון עפעס א הנהגה, האט מען אים געזאגט: "אייער זיידע, דער שינאווער רב האט דאך נישט אזוי געטון?". האט ער געזאגט: "נו, טוה איך ווי דער צאנזער זיידע!". דער גארליצער רב איז דאך געווען א שטיק 'צאנז', און דער קאלאשיצער רב האט דאך געזאגט, אז ער איז געווארן א גארליצער חסיד, ממילא האט ער גענומען פון אים דעם צאנזער רב'ס הנהגות.

#### אב מתפאר בבנו

**דער** צאנזער רב זי"ע האט אמאל געוואלט ארויס ברענגען א חשיבות אויף זיך, האט ער געזאגט: "נאָ, איך בין **דאך** ברוך'ס טאטע!".

#### אין עולם האצילות הוסט מען נישט...

**אמאל** האט דער צאנזער רב געהוסט, האט דער גארליצער רב אים געברענגט א טיי. האט דער צאנזער רב זיך אנגערופן: "אין עולם האצילות טרינקט מען נישט קיין טיי!", האט דער גארליצער רב געענטפערט מיט א ווערטל כדרכו: "אין עולם האצילות הוסט מען נישט...".